גליון יד׳ שנה א׳

פרשת נשא ב׳
תשפ״ו

# בחור׳ן

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: וויאזוי פרישט מען זיך אויף?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

איר האט נישט קיין אנונג וויפיל אידן איר זענט מחיה מיט אייערע געוואלדיגע שיעורים, דער אייבערשטער זאל אייך געבן וויטער כח אנצוגיין.

איך בין אן אכצן יעריגער בחור, אלס יונגער בחור אין ישיבה קטנה, און אויך א יאר צוויי שפעטער, האב איך זייער פלייסיג געלערנט, איך האב זייער מצליח געווען אין ישיבה, איך בין אויפגעשטאנען יעדן טאג פרי, געלאפן אין מקוה, געדאווענט און געלערנט, ס׳איז געווען א מחי׳.

אבער אין די לעצטע יאר צוויי איז מיר געווארן זייער שווער, איך האב נישט קיין געדולד מער צו לערנען, איך באקום קאפ וויטאג פון לערנען, און איך בין געווארן היבש נאכגעלאזט. דאס איז אויסער די שווועריקייטן וואס גייט אריבער אויף יעדן איינעם ובפרט אויף א בחור, ווי אויך האב איך שוועריקייטן אין די משפחה מיט מיינע געשוויסטער, איך האב איין שוועסטער וואס איז ליידער זייער שטארק געפאלן, זי איז אריינגעפאלן אין דראגס און אין שלעכטע זאכן, און דאס מאכט זייער שווער דער מצב אין שטוב, איך ווייס נישט ווי אזוי איך דארף זיך פירן מיט איר.

אויסער דעם איז מיר זייער שווער יעדעס מאל פאר ס׳קומט א יום טוב. לעצטנס איז געווען דעם יום טוב שבועות, און איך האב אזוי מורא געהאט וואס ס׳וועט זיין די גאנצע נאכט פון שבועות. באלד קומט שוין די הייליגע טעג, און איך קען אפילו נישט טראכטן ווי אזוי איך וועל דורכמאכן די לאנגע תפלות.

איך האף דער ראש ישיבה שליט״א וועט מיר קענען העלפן און מחזק זיין.

### תשובה

לכבוד ... יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

#### איך האב נאכנישט קיין הנאה פון דיר...

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געהאט א תלמיד רבי שאול מטעפליק זכרונו לברכה, ער איז געווען א גרויסער עובד ה׳, ער האט געדאווענט און געלערנט מיט א געוואלדיגע ברען; ממש אזוי ווי דו שרייבסט, ווי עס פלעגט זיין ביי דיר - אויפגעשטאנען פרי, געלאפן אין מקוה, געדאווענט און געלערנט. איינמאל איז רבי נתן געווען אין טעפליק און צוזעענדיג זיינע עבודות, ווי ער דינט דעם אייבערשטן מיט אזא התלהבות, האט אים רבי נתן געזאגט: ״שאול שאול, איך האב פון דיר נאך נישט קיין הנאה; ווען איך וועל זען ווי דו פאלסט אראפ און דו הייבסט זיך צוריק אויף און דו דינסט ווייטער דעם אייבערשטן, דעמאלט וועל איך הנאה האבן פון דיר״.

#### בקי ברצוא, בקי בשוב

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ו): ״**כְּשֶׁרוֹצֶה אָדָם לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה**״, ווער עס וויל תשובה טון, ״**צָרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה**״, דארף וויסן אז נישט אלץ גייט מען אויף ארויף, מען דארף זיין באקאנט ווי אזוי צו גיין מער און מער און מען דארף זיין באקאנט ווי אזוי מען גייט אויף צוריק; דער רבי רופט דאס אן ״**בָּקִי בְּרָצוֹא, בָּקִי בְּשׁוֹב**״. ווייל אויב מען ווייסט נאר פון איין וועג, מען

ערווארט צו גיין העכער און העכער, נאכדעם ווען מען זעט אז מען גייט נישט העכער און העכער ווערט מען צעפאלן.

## שטארק זיך!

דעריבער זאלסטו זיך שטארקן בעבודת השם, דו זאלסט ווייטער דינען דעם אייבערשטן לויט דיינע כוחות וואס דו האסט; זיי מקפיד צו דאווענען די דריי תפילות יעדן טאג און זיי זיך קובע צו לערנען אביסל תורה. מאך זיך א שיעור אין חומש רש"י מיט'ן תרגום - יעדן טאג אביסל, נאכדעם זאלסטו לערנען אביסל משניות און גמרא, לערן ווי אזוי עס גייט, אז דו פארשטייסט איז גוט און אז דו פארשטייסט נישט, דו קענסט זיך נישט מצמצם זיין דיין מח מחשבה צוליב די אלע שוועריקייטן וואס גייען אריבער אויף דיר - זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, וועט דער אייבערשטער האבן גרויס תענוג און פרייד פון דיר. אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט פאר זיין תלמיד: "ווען איך וועל זען ווי עס גייט איבער און דו וועסט זיין שטארק, דעמאלט וועל איך הנאה האבן פון דיר".

## געב זיך איבער צום אייבערשטן

בנוגע דיין אנגעצויגנקייט וואס דו האסט פון ימים טובים; טו וואס דער רבי פלעגט טון. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ב): "**וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי, וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִּים בִּי - עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד**", איך פיר זיך אז יעדן טאג געב איך איבער פאר'ן אייבערשטן דעם גאנצן טאג און אלעס וואס איך דארף ערלעדיגן - סיי פון מיר און סיי פון מיינע קינדער, אז דער אייבערשטער זאל טון ווי אזוי ער פארשטייט.

"**וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב**", אזוי אויך - זאגט דער רבי - ווען עס קומט שבת און יום טוב, "**אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ**", געב איך זיך אינגאנצן איבער פאר'ן אייבערשטן, "**וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד**", אזוי בין איך רואיג און פרייליך ווי אזוי דער שבת און יום טוב פירט זיך, איך דארף נישט איבער טראכטן און איבער קלערן צי איך האב גוט געטון צי נישט.

## חזק ואמץ!

איך בעט דיר נאכאמאל, שטארק זיך און ווער נישט צעפאלן; זוך נישט צו נאכמאכן דיינע אלטע צייטן, דין דעם אייבערשטן לויט די יעצטיגע מצב.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## בין כותלי הישיבה

**האסט היינט געזאגט יישר כח פאר דיין מאמע? האסט זיך באדאנקט? ביי די אומות העולם איז דא א זאך וואס הייסט "מאדערס דעי", איינמאל א יאר ברענגט מען בלומען פאר די מאמע...**
**אבער אידישע קינדער נאך איידער קבלת התורה הייבן מיר אן מיט דרך ארץ! דרך ארץ קדמה לתורה.**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**
**212-444-9191 דרעקאך: 1|2|1|11|2|23**

## קורץ און שארף

**"וויאזוי דו פירסט זיך אויף צו דיינע עלטערן, אזוי וועלן זיך דיינע קינדער פירן צו דיר."**

(דער ראש ישיבה שליט"א אין א שיעור)


קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן| מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370